~~JP2683.173~~
YP2683.173

№ 2

1922



„שטראם״ — ליטעראריש קינסטלערישע
כוידעש העפטן — דערשיינט אין מאסקווע בא דער
מיטארבעט פון די בעסערע אידישע שרייבער
דיכטער און קינסטלער פון מאסקווע, קיעוו
ווארשע, בערלין, ניו - יארק. „שטראם״ וויל
פאראייניקן די אלע אידישע אכראיעספולע קינסט-
קרעפטן, וואס שמידן בא היינטיקן טאג די עסטע-
טישע ווערטן פון אינזער טקופע. „שטראם״
וויל ווערן דער שעפערישער אויסדריקער פון
אונזערע נייע און באנייענדיקע אקטיווע קונסט-
שטרעבונגען. „שטראם״ וויל פארבאוואוסטזי-
ניקן די אנגעוואקסענע שאפונגס-פראצעסן פון דער
אידישער קונסט-קולטור. בא די ערשטע שווערע
טריט זיינע, האפט דער שטראם אז ווירקליכער
הילף פון אלע איבערגעגעבנסטע כאווירים —
שרייבער און לעזער פון אלע לענדער. אין
„שטראם״ געפינען זיך שוין ווערק פון:
אויס׳ענדער, אנכי, גארדאן, גאדינער, דאברושין,
האפשטיין, וואלקענשטיין, וואפסי, וועוויארקע, לוריע
פיינבערג, קושניראוו, קליאצקין, רעזניק, ראבי-
נאוויטש, ראס׳ן, שאגאל. „שטראם״ ווארט אף די
פארשפראכענע ווערק פון בערגעלסאן, זינגער,
מארקיש, מייזל, ניסטער, קוויטקא, ראוויטש, ריבאק.
„שטראם״ איז באגלויבט אין דער מיטארבעט
פון די גייסט-נאענטע אמעריקאנער כאווירים —
שרייבער און דיכטער.

# שטראָם

כוידעש
העפטן

2

נאר אונטער פעלזן הער איך
רינט און ריזלט פריש א שטראָם.

א. שוואַרצמאַן.

מאָסקווע — 1922.

JP 2683.183
HARVARD COLLEGE LIBRARY
DEXTER FUND
Oct 31, 1928

הילע — מארק שאגאל

אויסגאבע פארלאג ,,שטראם''

אידישע פאליגראפישע שול-דרוקעריי, מאסקווע.

פערעץ מארקיש

# הונגער.

1

ניט קיין מאלאך מיט קריגל פון טרייסט-לאנד,
ווי נ׳מידבער אף דארשט פון ישמאעלן;
א ביל פון פארנאכטיקן קלויסטער,
א פור מיט א פייגער פון טולע...

ניט קיין קוואל פון וואסער ווארט דיך
מיט בראכע פאר בלאנדזשלינג מידן;
און געוויינט האט ווי האגער די שווארצע
— א מאמע עלנד אין מידבער...

א, ניט-אנטוויינטע וויי-לאנד!
ווער וועט כאווען א יאסעם?
— אף סלופעס היינגט א נעווייל
— דיין טאטע יעשו בען יויסעף!...

2

אזוי איז געגאנגען א וואגן מיט מיסט צו די שקרופעלנע פעלדער
און ס׳האט אף די וועגן דאס מיסט מיט א קינד זיך געשאטן
און מ׳האט עס צעטראטן...

אזוי איז געלעגן אין הייז א פארוועלקטע
דאס וויי-לאנד פון טאלן
פארכאלעשט נאך מיסט און נאך אפווארפעכץ בלאטיקס
און טאג האט די פעלדער אף זוניקע נאבלען
געברענט און געבראטן...

און ערד האט די ציינער פון קוימענס געשטשירעט
צום שעפסענעם הימל
און הינטיש געריטשעט:

ווייי איז מיין לייב,
און וויי איז מיין ערווע,
און וואו זשע זאל איך מיט דער בושע זיך קערוועו?

# „שטראָם" אוונטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשײַנען פון ערשטן נומער „שטראָם", איז אין מאָסקווער קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל" פאָרגעקומען צוויי שטראָם־אָוונטן.

אין אַ ריי אַרויסטרעטונגען איז באַלויכטן געוואָרן די שטעלונג פון „שטראָם" צו דער קונסט פון אונזער געגנוואַרט, דערביי איז אין נאָמען פון דער גרופּע „שטראָם" פאַרעפנטליכט געוואָרן פאָלגנדע דערקלערונג:

1. „שטראָם" האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין דער צײַט פון אַ גרויסער ענדערונג אין דער קרעפטן־פאַרהעלטעניש פון אונזער קונסט.

די שאַרפע גרעניץ־ליניע, וועלכע די רעוואָלוציע האָט דורכגעפירט צווישן „אונזער" רוסלענדישער און „אונזער" ניט רוסלענדישער ליטעראַטור האָט אין טאָך אַרײַן אָפּגעצייכנט צוויי טקופעס, וואָס שליסן זיך ניט אײַן אין די באַגריפן פון אַלטער און נײַער קונסט. יעדן דאָר איז געגעבן צו זײַן מאָדערן בענוגייע צו זײַנע פאָרגייִנגער. דער דאָזיקער מאָדערן באַציט זיך אָבער ס'ראָוו אַ די אָרער יענע ניואַנסן פון איין און דערזעלבער קולטור. אין דער ליטעראַטור פון אונזער רעוואָלוציאָנערן פעריאָד האָבן זיך אומעטום באַוויזן דורכלויכטן פון גאָר אַ נײַער קולטור־טראַדיציע, פון גאָר אַ נײַער קולטור־ערע. און דאָס האָט דורכגעצויגן די שאַרפע גרעניץ־ליניע צווישן אונזער רוסלענדישער און אונזער ניט רוסלענדישער קונסט.

2. באַ דער שוועל פון אָט דער נײַער ליטעראַטור שטייען מיר מיט האָפערדיק מונטערע פאָרגעפילן. עמעס, אַ פולשטענדיק צעוואַלגערטער לעבנסשטייגער, אַ מעכטיק אויפגעטרייסלטער קונסט־ביניען, אַ געמיט פון וועלכן עס איז אַרויס געפאַלן דער געפיל פון רואיקער זעלבסטבאַטראַכטונג. אַ געוויסן, אין וועלכן עס וויברירט דער „שווידער פון האַרמאָניע", אַ הילכיק געדרודער פון אַ איבערגעבויט לעבן—אָט דאָס אַלץ טרעפן מיר באַ דער שוועל פון דער נײַער ליטעראַטור.

אָבער אין „שעלטנדיקן הימן פון שטרייטן" פאַרנעמט דאָוויד האָפשטיין דעם רוף פון אונזער עפּאָכע און צוזאַמען מיט אים פאַרנעמען מיר אין דעם רוף פון דער צײַט אויך דעם באַרוף פון דער ליטעראַטור אין דער רעוואָלוציאָנערער טקופע. און אונזערע פאָרגעפילן זײַנען מונטער און האָפערדיק, אונזערע דער־וואַרטונגען אַף דער נײַער עפּאָכע זײַנען פעסטע און זיך געטרײַע.

3. אָבער די נײַע עפּאָכע האָט שוין אַ געשיכטע, אַ פאַרגאַנגענהייט. אַז מען ברענט בריקן בויט מען נײַע. און אַז מען בויט נײַע בריקן ניצט מען מאַ־טעריאַלן, וואָס וואַקסן אין מעשעך פון יאָרן. דער „שטראָם", וואָס גייט צי־לבאַוואוסט דער צוקונפט אַנטקעגן פאַרגעסט ניט, אַז די דווירעסדיקע מאַטעריאַלן מוזן אָפּגעשאַצט ווערן.

דאָס רעוואָליוציאָנערע געשעען האָט ביז אַ געוויסער צײַט געוועקט באַ דעם קינסטלער מעכטיקע נאָר אַף האַלב־באַוואוסטזיניקע אימפּולסן. דער ערשטער



פעריאָד פון רעוואָליוציאָנערן קינסטלערישן שאַפן איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס דער קינסטלער האָט אימפּראָוויזירט אַנטבלויזנדיק דאָ און דאָרטן אין דער גאָרער נאַקעטקייט די אימפּולסן, וואָס האָבן אַף אים אַ שליטע געהאַט. אין דער צײַט פון דעם אימפּולסיוון שאַפן איז דער דיכטער מעסוגל געווען צו רעאַגירן בלויז אַף דאָס הערדאַישע, וואָס האָט אין רעוואָלוציאָנערן געשעען זיך אַנטפּלעקט. באַפרײַען די אַסאָציאַציעס, וואָס האָבן זיך מאַסנווייז געשטויסן אין דיכטערישן געמיט—אָט דער גוזעצליכער און נאַטירלעכער שטרעבן האָט כאַ־ראַקטעריזירט דעם ערשטן פעריאָד פון רעוואָליוציאָנערער אידישער דיכטונג.

4. דעם „שטראָם" איז לײַדער ניט באַשערט געווען צו קומען אין יענעם גליקליכן הערדאַישן נימרעד־פעריאָד פון דער רעוואָליוציאָנערער קונסט, אָבער דער אָרגאַנישער שאַפן פאַרלירט קיינמאָל גאָר ניט. די טראַגישע אַטמאָספערע, וואָס לויערט אייביק און אומעטום אַרום דעם הערדאַישן געשעען, איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען, און האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין דער טיף פון דעם קינסטלערס געמיט. און ווען דער „שטראָם" קומט מיט קושנעראָוון צו זאָגן:

„איך פאַרמאָג שוין אַפילע אין טרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך"

איז נוויטיק אין דעם צו דערהערן ניט קיין פעסימיסטישע גוזמע, נאָר אַן אָנזאָג דערוויף, אַז די קינסטלערישע אַכראַיעס האָט גענומען אונטער איר קאָנטראָל יע־נע דיכטונג, וואָס האָט ניט לאַנג נאָך אַזוי זאָרגלאָז אימפּראָוויזירט.

דאָס באַדײַט אויך, אַז די פּלאַקאַט־ליטעראַטור האָט אָפּגעזאָגט אירס. דאָס באַדײַט, אַז אַלע ראַדיאָ־אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זײַנען געווען געבונדן צו דער צײַטונג, צום קאַלענדאַר און צום שטאָט־זייגער—ווע‏לן איצט אויסזען נאַ־איוו און פאַרשפּעטיקט.

5. וואָס צייכנט זיך פאַרן „שטראָם" אין די ברעגן פון דעם איצטיקן פע־ריאָד פון דער נײַער עפּאָכע? דער וועג פונם „שטראָם" איז געווענדעט קוידעם קאָל צום סינטעז פון אונזער נײַער צײַט־דערפאַרונג. נאָר דער אַנסאַמבל פון אַלע קונסט־צווײַגן: אָט די ליבע פּרײַנט, די מאָלער, וואָס האָבן די טעווע אויסצו־זאָגן סוידעס, אָט די ערנסט־אָפּוואַשנדיקע מוזיקער, וואָס שטרעקן שוין דעם האַלז נאָך „וואָרט" אויס אָט דער „עקיג־פאַרשפּיצטער" עקספּרעסיווער שוישפּילער, וואָס זוכט און מאָנט און פילט זי שוין אונזער נײַע עסטעטיק—נאָר דער סינטעז פון די אַלע וועט אונז דערנענטערן צו דער פאַרקערפערונג פון אונזער צײַט־דערפאַרונג.

6. דער „שטראָם" געדענקט, אַז פון אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט. דער ווינקל־שטיין פון אַלע קונסט־געביטן איז דאָס אַכראַיעספולע קינסטלערישע וואָרט. אָבער דאָס וואָרט איז אַ נאַציאָנאַלער מאַטעריאַל. אין צײַטן פון „רעוואָליוציאָנערע אויפליען" דריקט די דאָזיקע אײַנגנשאַפט אַף דער וואָרט־שאַפונג, און שלעפּט זי אָפּ צום מעסוירעסדיקן נאַציאָנאַלן אַלטוואַרג, אָבער גראָר די דאָזיקע אײַגנ־שאַפט מאַכט די וואָרט־שאַפונג פאַר אַ קינסטלערישן מוסטער פון אָרגאַנישע ווערטן, וואָס זינדיקן ניט מיט צופעליקע פּרײַדאַרטיקייטן פון דער סינקרעטישער טקופע. דער „שטראָם" נעמט אין אַכט דאָס וואָרט, ווי אַ מאַטעריאַל, דער

„שטראָם" היט אָפּ די קולטור פון וואָרט און שטעלט אויף די קלאַוויאַטור פון דער נייער שפּראַך, פאַר דעם וואַקסנדיקן נייעם געדאַנק.

7. קלאָר איז פאַר דעם „שטראָם", אַז פאָרמולירן דעם נייעם אידיש־קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק וועט אָפּ ווייטער אויך ווי ביז אַהער טראָגן דער וואָרט־שעפער. קאָנסטאַטירנדיק דעם „קרעץ פון שטיין, אָף וועלכן ס'דויערט דעם זיידנס מיטוואָך", קאָנסטאַטירנדיק דאָס צעפוילטע און אָפּגעלעבטע זוכט די אונזעריקע דיכטונג די אָנעוויניקסטע שעפערישע אַכיזע פום אויפגעוואַכטן נייגייסט אין די טיפענישן פון די נייגעבוירענע פאָלקס־פּראָצעסן וועט די ליטעראַטור אויפדעקן די אָנגעוואַקסענע נייע קויכעס און דערמיט גופע באַשטימען דעם פאַרקומענעם איצט אינהאַלט פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכקייט. די ליטעראַטור האָט באַוויזן דעם נעם אין די צייטן פון דעם אידישוועלטליכן קריזיס, די ליטעראַטור וועט באַווייזן דעם נעם אין די צייטן פון דעם אידיש־אינטערנאַציאָנאַלן איבערבוי. דער „שטראָם" וועט זיך מיען, אַז דער דיכטערישער דאָר זאָל זיין צו דעם נעם צוגעגרייט.

8. „שטראָם" ווענדט זיך צו די אַלע, וואָס קאָנען און ווילן גיין אָף זיין שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן וועג, צו די אַלע, וואָס קאָנען מויכל זיין שוואַכקייטן און שטרויכלונג, צו די אַלע, וואָס ווילן וואַך זיין און אָפּהיטן די יונגע פליענדיקע פויגלען, זיי זאָלן ניט אומקומען פון דעם פייערדיקן אָטעם, מיט וועלכן ס'מוז אָף זיי עטעמען די ריגאָריסטיש־דאָגמאַטישע קאַמפּס־מיינונג.

9. אין „שטראָם" פליסט די קינסטלערישע ענערגיע פון אונזער צייט, דער צייט פון אַ נייגעבאָרענער וויטאָגדיקער טאָג־טעגליכקייט, דער צייט פון דער רעוואָליוציע. האַרט בא די שאַרפסטע ראַנדן פון אונזער עפּאָכע פליסט דער „שטראָם". ער ווייסט זייער האַרט, אומבעראַכמאָנעסדיקע שלייפקייט צו שעצן. און ער לאָזט זיך פון זיין שווערן וועג ניט אָפּשרעקן. וואָרים: „שטראָמען" פליסן קיינמאָל ניט אָף צוריק. „שטראָם" גייט זיין עפּאָכע אַנטקעגן.

---

## פון רעדאַקציע.

מיר מעלדן דערביי, אַז נים אַלע מאָל קאָן די רעדאַקציע פון „שטראָם ענטפערן באַלד און אַריינגיין אין אויספירליכע שריפטליכע באַציאונגען מיט די אַלע, וואָס שיקן צו זייערע ווערק זאָלן אָבער אונזערע כאַוויירים - ש־ייבער, יונגע און אָנפאַנגער, זיכער זיין, אַז זייערע ווערק באַגעגענען בא אונז אַ כאַווערשן ליבלעכן אויפנאַם, יעדער שאַפונגס פּרואוו ווערט בא אונז אָפּגעשאַצט און אַלץ, וואָס שטימט, ווי אונז דוכט, מיט אונזער ליטעראַריש־זוכערישן, ערנסט, וועט זיין אויסגענוצט.

אין דריטן „שטראָם" וועלן געדרוקט זיין ווערק פון אַ ריי יונגע כאַוויירים.



## אין העפט:

פערעץ מאַרקיש — הונגער (לידער). דער נסתר — אין וויין קעלער. ד. האָפשטיין — אוקראַינע (לידער). א. קושניראָוו — ראַסייאַ (לידער). ד. וואָלקנשטיין — ווינטן (זייטעלעך פּראָזע). ש. גאָדינער — פיגורן (דערציילונג). י. דאָברושין — שאָלעם אַלייכעמס אַליע. נ. אויסלענדער — שאָלעם אַש. ש. גאָרדאָן — ליריק (ביבליאָגראַפיע). פון רעדאַקציע.

Р. Ц. 1850 Москва. Евшкола Полиграфпроизводства Мамоновский пер.

№ 3
1922
YP2683.173



**„שטראם"** — ליטעראריש קינסטלערישע כוידעש העפטן—דערשיינט אין מאסקווע בא דער מיטארבעט פון די בעסערע אידישע ליטעראַרישע קרעפטן **„שטראם"** וויל פאראייניקן די אלע אידישע אכראיספינע קונסט-קרעפטן וואס שמידן בא היינטיקן טאג די עסטעטישע ווערטן פון אונזער טקופע. **„שטראם"** וויל ווערן דער שעפערישער אויסדריקער פון אונזערע נייע און האנייענדיקע אקטיווע קונסט-שטרעבונגען **„שטראם"** וויל פארבאוואוסטזיניקן די אנגעוואקסענע שאפונגס-פראצעסן פון דער אידישער קונסט-קולטור. בא די ערשטע שווערע טריט זיינע, האפט דער שטראם אף ווירקליכער הילף פון אלע איבערגעגעבנסטע כאוויירים — שרייבער און לעזער פון אלע לענדער. אין **„שטראם"** געפינען זיך שוין ווערק פון: אויסלענדער, אנכי, בערגעלסאן גארדאן, גאדינער, דאברושין. האפשטיין, וואלקענשטיין, וואפסי, ווערוויארקע, לוריע, ניסטער, מארקיש, פינינבערג, קוויטקא, קושניראוו, רעזניק ראבינאוויטש, ראסין, שאגאל. **„שטראם"** איז באגלויבט אין דער מיטארבעט פון די גייסט-נאענטע אמעריקאנער כאוויירים — דיכטער און שרייבער.

Printed in S.S.S.R.

# שטראם

כוידעש
העפטן
3

נאר אונטער פעלזי הער צי־
ר'נט אר' ריזלט פריש א שטראם.
א. שווארצמאן.

מאסקווע — 1922

—דער איינציקער איצט, צוגלויבן, געוואונשענער וועג פאר אונזער נייסטער דיכטונג, וואס האט זיך פארגאנגען אין אירע אבסטראקט־איגנערליכע ווײ־פרייד איבערלעבונגען. ביי דער גאנצער איינפאכער אינטימיטעט פון ראסינס פאעמע פארמאגט זי אביעקטיווע שפראצונגען, וואס וואקסן אפן באדן פון קאנקרעטער צייט־האנדלונג. וועהט פון דעם אלעם מיט דיכטערישער פרישקייט מיט געוויסנהאפטן צימצום און באשיידענעם ערנסט, קויפן זיי מיט אלעמען אויס די עטלעכע שוואכע ערטער, וואו ראסינס ווארט איז ניט אנגעגאסן מיט געהעריקן בליי, און די שורע באקומט א אנמאכט־שטימונג פון א שטעטלשן כאלעש...

ערגעץ לייכט זיך א פייער
פון בייכיקער שטוב
און עקבערט דעם שווארצן טיל־טעל.

א שיינער אנהויב פאר דער פאעמע, וואס שפילט נאך קעסיידער מיטן אלט־ניי, וואס פירט נאך דעם פארטויבטן צובונד צו אפגעלעבטע „טיל־טעל" ש־זימונגען און פלעכט זיי מיט די ניינ פייערלאך פון נייען גלויבן.

און נאכט איז געווען
און ווינטער איז דאן
און דארט הינטער פענסטער
אין שנייאיקן הויף
ווארט שוין א שליטן,
ווארט שוין א שפאן

ש. ראסין האט דא באוויזן, אז ער האט א ליבע האנט אף לירישע שילדערונגס־מאטיוון. און אויב אים פעלט די אנשטרענגונג פון פראבלעם האט ער דאך פארשטאנען ווי צו פארוואנדלען אין טרוים אט די באשריבענע שטייגער־געשעעניש אף דער „געקרייציקטער ערד"

זיין קיווער איז דארט,
זיין קיווער איז דא
אין יעטווידער שטאט
אזא קיווער פאראן
א בערגל א הויכע
באצירטע מיט קרענץ
באוואקסן מיט גראז

— — —

ס'האט מיין ברודער
געשלאגן דעם שטיין,
און מיט קוואל
מיינע בלוטן באפרישט
און מיט קוואל
מיינע בלוטן באפרייט

איינפאכער אבער שיינער לירישער עמעס. ש. ראסין האט הארמאניש אויסגענוצט אלע מעגליכקייטן, וואס זיין טעמאטישע שטילקייט האט אים געגעבן. דיכטער וועלן געוויס באגריסן אט דעם מענשליכן ערנסט.

ש י ן.

## עזרא פינינבערג. אָ ט ע ם (לידער) קל. ביבליאטעק „ליריק", קיעוו 1922

עס וועלן געוויס זיין אויך אזעלכע, וואס וועלן מיט רעכט קאנסטאטירן: עזרא פינינבערג איז א רעצידיוו און א גאנץ אויסגעשפראכענער רעצידיוו פונ'ם „אייגנס"—פעריאד אין אונזער ליטעראטור, ער איז דער רעצידיוו פון קוויטקאס „טאינע", פון קוויטקאס „מארק"־מאטיוון, פון קוויטקאס קאמף מיט דעם „בלינדן ווילן, פון דער אלט פאטערשער יערושע זיינער.

יא. דער רעצידיוו פון דעם אלעמען קלינגט אין פינינבערגס בוך. אבער עס טרעפן אמאל גליקלעכע רעצידיוון, און דער פאל מיט ע. פינינבערג געהערט צו דער האזיקער קאטעגאריע. ווארום איצט, ווען אונזער גאר יונגע דיכטונג איז געניינט דילעטאנטיש און בלויז דילעטאנטיש צו באנעמען דעם ריזיקן שטאף פון אונזער אלטפאטערשער געפיקן־וועלט, ניט קענענדיק באזיגן



איר מאכט איבער זיך און נאז' ווייניקער אפשאפנדיק איר אביעקטיווע הערשאפט אין דער ארומיקייט — אט אין אזא מאמענט איז עזרא פינינבערגס רעצידיוו געוואונשן און נאך מער ווי געוואונשן.

איך וואלט געזאגט: פונקט ווי אין „אפנאנג" האט אונזער פראזע פארשטאנען צו אנהויבן ליקווידירן די „געיארשנטע פענט" פון אונזער פארגאנגענהייט. אזוי האט אין פינינבערגס ליד די אידישע דיכטונג גענומען אפצושאפן איר „דויר־דוירעשן אש" און איר „זיידנס מיטוואך"...

און אפצושאפן איז, דאכט זיך, די סטיכיע פון פינינבערגן, אזא שטארקער סארקאזם, בענוגייע צו די פארמיש. אזא „פעטער גאס" קאנצענטרירטער האס צו די „טאמע וואכן", אזא טיפע יידנשאפט, וואס פארשטייפט יעדער עפיגראמאטיש ווארט, יעדער אומראכמאנעסדיקע דעטאל...

און דאך איז עס ניט די איינציקע סטיכיע ביי ע. פינינבערגן. עפיס ציט זיך נאך א ליכטיקער פאדים אין זיינע לידער. און האבנדיק אזא שטארקן אפשאפנדיקן געפיל, פארמאגט נאך פינינבערג א פאטאליסטישן גלויבן און א טיף אייגנארטיקע עמונע־שפראך, וואס פארבינט זיך בא אים אומיטלבאר מיט צייט־מאטיוון און צייט־געשעענישן.

דער רעצידיוו וואס ליגט אין דעם מאטיוו פון „געיארשענטער פענט" ווערט דעמאלט מיט א מאל פארשוואונדן, עס לויכט אויף א העל־באשטראלטע צוקונפט־פערספעקטיוו פון דעם דיכטערס „מורמל־היים". און אפילע דער „פרילינגשער פאליש" אין וועלכן דער דיכטער געפינט זיך נאך דערוויל, ווערט אויך מיט א באזונדער. האפערדיקער שיין באהעלט.

אבער עס איז א דיכטער—א נייער, און אפילע אין די רענעס, ווען ער רייסט זיך שוין ארויס פון „זיידנס מיטוואך" איז דער וועג זיינער נאך ווייט, גאר ווייט,

כ'דארף האבן אף פרילינג, אף גרויסן, אף ערשטן
זויבערע קרעפטן. (21)

דער מאטיוו פון „זויבער" איז ביכלאל ניט צופעליק אין פינינבערגס דיכטונג. די געוויסן־פארב פון ריינס און אומריינס גילט מער ווי אלץ פאר פינינבערגן, און דערפאר איז „נינגאלד" קימאט דער איינציקער „מעטאל", וואס שוועבט פאר זיינע אויגן. מעטאל פארמאגט נאך ביכלאל זייער ווייניק פינינבערג. דאס דארף זיך שאפן ערשט דאן ווען ער וועט פון א נייער ווערן א שעפער. און יוען מיר הערן; אז „א וועלט מיר דערציילט וואוהין איר גליווערניש צי ט" (82) גלויבט זיך אז פארלאזנדיק די גליווערניש פון וועלט, וועט פינינבערג געפינען אויך די דינאמישע קוואלן פאר זיין נייעם שעפערישן דיכטונג־פעריאד.

ווי געזאגט, איז ע. פינינבערג אף א גאנצער העלפט א רעצידיוו. און דאס לאזט זיך אפט מאל שפירן אין דער אומגעקינסטלטקייט פון זיין טעכניק, אין דער איינפאכער ריטמיק און גישט־ווירטואזן גראם, אבער ווי גערן פארגיט אים דעם כעט יעגער לעזער וואס דערשפירט די אופריכטיקייט, דעם באגלויבטן ווארט, דעם עכטן טאן.

ע. פינינבערג איז ניט קיין דילעטאנט אין דיכטערישן געפיל. אין קינסטלערישן גלויבן. דאס מאכט זיין ערשטן ביכל פאר א וויכטיקע דערשיינונג אין אונזער נאר לעצטער דיכטונג.

נ. א ו ס ל ע נ ד ע ר.

# ליטעראטור־, קונסט־, און טעאטער־כראניק.

## נ י י ע ב י כ ע ר.

—ד. האפשטיין: „טרויער'. (לידער) צייכענונגען פון מארק שאגאל. —ק. פארלאג קולטור־ליגע. קיעוו.

—ד. האפשטיין „וואלגער־שטיינער" (לידער) — פארלאג אידסעקציע, קיעוו.

—י. דאברושין „גערענקענגען" (קריטישע ארטיקלען) —ק. פארלאג קולטור־ליגע. קיעוו

—ל. רעזניק „סאמעט" (לידער)—קליינע ביבליאטעק „ליריק". קיעוו.

—ש. ראסין „שיין" (פאעמע)—קליינע ביבליאטעק „ליריק. מאסקווע.

—ע. פינינבערג. אטעם. (לידער) —קליינע ביבליאטעק „ליריק" קיעוו.

—ל. קוויטקא: פארט מיין פעפער (פאעמע)—קליינע ביבליאטעק „ליריק" מאסקווע. (גרייט צום דרוק).

ידידיה מארגאלים— ווייטע שיין (פראגמענטן און פערזן). אוסגאבע פון אוטאר, מאסקווע.

ידידיה מארגאלים—„ניי טעהילים". אויסגאבע פון אוטאר, מאסקווע.

—אין לעטעראטור־פארלאג „ווידערוואוקס“ —קיעוו זיינען דערשינען: 1. א. פעפער—שפענער, 2. מ. כאשטשעוואצקי—דארשט, 3. א. שוויכעט—אנגריף, 4. א. וועלערניצקי—לייטערניש, 5. מ. שאפירא—פארטאג, 6. ש. האלקין—לידער. (דערשיינט אין גיכן)

עס דערשיינט אין גיכן דער ערשטער נומער פונם קינדער־זשורנאל: „פרייד“ און דער צווייטער נומער „פעדאגאגישער ביולעטן“, אויסגאבע קולטור־ליגע. קיעוו.

אין מאסקווע הויבט אן דערשיינען א נייער זשורנאל „רויטע העפטן“ אונטער דער נאענטסטער מיטארבעט פון כאיעם גילדין, מוישע טייטש, פערסאוו און אנדערע.

— אין ווארשע איז דערשינען דער ערשטער נומער „אלבאטראס“, זשורנאל פאר דעם נייעם דיכטער־און קינסטלער־אויסדרוק“ מיטן אנטייל פון גרינבערג, מארקיש, מיילעד ראוויטש, פערעץ הירשביין און אנדערע. —פארלאג „שול און לעבן“, ווארשע.

—ב. רובשטיין: די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער אידישער שפראך (די סאציאלאגישע און געשיכטלעכע פאקטארן).—פארלאג „שול און לעבן“, ווארשע.

— דניאל ליבל: אין גרינעם לאמפן־שיין. פארלאג „טורם“ ווארשע.

— וועגן. ליטעראַרישע זאמלונג. לאדז. 1922

—דערשינען אין ניוארק ערשטער נאמער פון זשורנאל „דאס נייע לעבן“, רעדאקטירט פון ב. זשיטלאווסקי און ש. ניגער.

—אין ווארשע, פארלאג קולטור־ליגע, איז דערשינען דער דריטער נומער פון דעם קריטיש־ביבליאגראפישן זשורנאל „ביכער וועלט“ מיט א גרויסער צאל ארטיקלען, רעצענזיעס און ביבליאגראפישע רעשימעס.

—פון מאנטרעאל איז אנגעקומען איין נומער פון דעם זשורנאל „רויערד“ וואס דערשיינט אונטער דער רעדאקציע פון יונגן דיכטער ... סיגאל. דער זשורנאל לאזט שפירן זיין גייסטיקע קרוויוועשאפט צו אונזער נייער דיכטונג אין ראטנרוסלאנד.

—אין בערלין דערשיינט א זאמלבוך „צום שטראם“ מיטן אנטייל פון ניסטער, קוויטקא, ליפשיץ און אנדערע.

## קונסט.

— בא דער „קולטור־ליגע“ אין מאסקווע האט זיך געגרינדעט א קונסט־סעקציע, אין וועלכער ס'גייען אריין די קינסטלער פאלק, ראבינאוויטש, נעקריטין, טישלער, הייל‌פערן א. א. די סטודיע פלאנירט עפענען א קינסטלערישע פראדוקציאנס־סטודיע אין מאסקווע, צוגרייטן צום דרוק א מאנאגראפיע וועגן דער נייער אידישער קונסט, איינארדנען אוונטן וועגן דער נייסטער מאלעריי און סקולפטור און פארבינדן זיך מיט אידישע קינסטלער פון אויסלאנד.

— דער קינסטלער ראבינאוויטש גרייט אין מאסקווע א אויסשטעלונג פון זיינע מאלערישע און דעקאראטיווע ווערק.

—דער קינסטלער ריבאק ארדנט איין אין בערלין א אויסשטעלונג פון זיינע נייסטע בילדער. אף דער אויסשטעלונג וועלן זיך געפינען ריבאקס ארבעטן איבער פערעצעס „ביי נאכט אפן אלטן מארק“ (עסקיזן פאר דעקאראציעס און קאסטיומען). די אויסשטעלונג ווערט איינגעארדנט מיט דער הילף פון אידנעזקאם.

— אין לאקשינס פארלאג אין מאסקווע גרייט זיך א פארטרעטן־אויסגאבע פון אנגעזעענע אידישע שרייבער, מאלער, מוזיקער און ארטיסטן, געצייכנט פון יונגן מאלער ד. שאפירא.

— אין בערלין האט זיך געעפנט די רוסלענדישע אויסשטעלונג ארגאניזירט פון רוסלענדישן פאלקסבילד. פון אידישע קינסטלער נעמען אנטייל אין דער אויסשטעלונג: אלטמאן, שאגאל, ריבאק, שטערנבערג, טשייקאוו און ארנסאן.

## טעאטער

— דער אידישער מעלוכעשער קאמער־טעאטער אין מאסקווע וועט זיך עפענען דעם 20־טן נאיאבר מיט דער „קישעפמאכערן“ — א אידישע שפיל נאך גאלדפאדן, געשטעלט פון א. גראנאווסקי. מוזיק ניי באארבעט פון י. אכראן, דעקאראציעס און קאסטיומען



פון קינסטלער ראבינאוויטש, טעקסטן באארבעט פון מ. ליטוואקאוו, לידער און פעזיען פון י. דאברושין. די פיעסע גייט אין אכט בילדער מיט אכציק אנטיילנעמער.

דער א. מ. ק. ט. גרייט אויך פערעצעס „ביינאכט אפן אלטן מארק“, געשטעלט פון אל. גראנאווסקי, דעקאראציעס פון קינסטלער פאלק, מוזיק פון מ. מילנער. אין „דעם שאלעם־אליכעם“ אוונט וועט היי יאר אויך אריין שאלעם־אליכעמס קאמעדיע דער „געט“, געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. ענגעל.—דער אידישער מעלוכעשער טעאטער־ווארשטאט, אונטער דער אנפירונג פון אל. גראנאווסקי, גרייט איצט מעטערלינגס „די בלינדע“, געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. אכראן.

— די טעאטער־סטודיע, קולטור־ליגע אין מאסקווע האט אנגעהויבן איר צווייטן ארבעטס־יאר מיט א גרויסער פראגראם פון לימודים, צו וועלכע ס'זיינען צוגעצויגן די בעסטע טעאטראלע פארלייט פון מאסקווע. די פארוואלטונג פון סטודיע, וועלכע באשטייט פון די ח׳ח׳ י. דאברושין, ע. לויטער, מ. ליטוואקאוו, א. עפראס, ד. סערעבריאניק און מ. רובינשטיין (צוויי סטודיאנטן) איז איינגעטראטן צו ארגאניזירן די טעאטראלע ארבעט פון סטודיע. ס'זיינען איינגעלאדן רעזשיסארן אף צו גרייטן פאלגנדע פיעסן: מענאכעם־מענדל פון שאלעם־אליכעם (אינסצענירט פון ע. לויטער) און „וואס אין פידל שטעקט“ פון י. ל. פערעץ וועט שטעלן א. גראנאווסקי. „מאשיאך בען יאסעף“ פון ב. שטיימאן, וועט שטעלן וו. מייערכאלד: „דער לעצטער מאשיאך“ (קאמבינירטע פיעסע פון ש. אש און זשולאווסקי) וועט שטעלן וו. כמישליאייעוו. אוונט פון סטודיע ארבעטן (פערעץ און שאלעם־אש) וועט שטעלן ק. קאטלוביי און פערעצעס „בעלמער מעלאמעד“ (א פרואוו פון א אידישער פאנטאמימע) וועט שטעלן ר. סימאנאוו. די פארוואלטונג פון סטודיע ק. ל. טרעט אויך צו, צוזאמען מיטן אידישן מעלוכעשן קאמער־טעאטער, צו ארגאניזירן דעם רעזשיסארן קלאס, וועלכער וועט זיך שטעלן א ציל גרייטן רעזשיסארן און לערער.

—די מינסקער אידישע טעאטער־סטודיע, א אפטייל פון דער ווייס־רוסישער סטודיע ביי דעם ווייסרוסישן אקאדעמישן טעאטער, געפינט זיך איצט אין מאסקווע. היי יאר איז די צאל פון די טאלמידים פארגרעסערט געווארן און צווישן די לימודים פארנעמען א וויכטיק ארט: ביאמעכאניק, אקראבאטיק, ריטמיק א. א. וו. די סטודיע גרייט אונטער דער אנפירונג פון ארטיסט מ. ראפאלסקי אינסצענירונגען פון פערעצעס „קליינע מאיסעלעך פאר גרויסע קינדער“. ס'ווערט אויך געגרייט א קאמבינירטע אינסצענירונג פון דעם ניסטערס קינדער־מאיסעלעך, באארבעטונג פון נ. אויסלענדער.

— אין ניו־יארק האט זיך געגרינדעט א אידישע דראמאטישע סטודיע אונטער דער אנפירונג פון אסיפ דימאוו. די סטודיע וועט אויספירן פיעסן פון יונגע שרייבער און דראמאטורגן.

— אין ווילנע האט זיך געגרינדעט א אידישע אפערע־געזעלשאפט, וואס שטעלט זיך דעם ציל צושאפן א אידישן אפערע־רעפערטואר פון אריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק.

### פאר דעם דערשיינען פון דער העפט איז אנגעקומען אין רעדאקציע דער פאלגענדיקער בריוו:

כאשעווע רעדאקציע „שטראם“

מיר גיבן צו וויסן אונזערע סאלעגן, וועלכע מיר האבן מוגדלעך אדער שריפטלעך איינגעלאדן מיטצוארבעטן אין „מילגרוים“, אז צו דער רעדאקציע פון דערמאנטן זשורנאל האבן מיר מער קיין שייכעס נים און געהערן נים מער צו זיינע מיטארבעטער.

ד. בערגלסאן.

דער ניסטער.

## אינהאלט פון 1-טער העפט:

ד. האפשטיין — שטאם. ביניש שטיימאן — דאס רויטע קינד. א. קושניראוו — אזקארע. דבורה קליאצקין — דער וועג. שמואל ראסין — אלעף מ. רעזניק — לידער. ע. פינינבערג — לידער מארק שאגאל — בלעטלאך. י. דאברושין — אונזער ליטעראטור. ש. גארדאן — ווארט און לעבנס-שטייגער. נ. אויסלענדער — דער ניסטער. א. וועוויארקע — אין פייער פון ערד.

## אינהאלט פון 2-טער העפט

פערעץ מארקיש — הונגער (לידער). דער ניסטער — אין ווייַן-קעלער. ד. האפשטיין — אוקראינע (לידער) א. קושניראוו — ראסייא (לידער). ד. וואלקנשטיין — ווינטער (וייטעלאך פראזע). ש. גאדינער — פיגורן (דערציילונג). י. דאברושין — שאלעם אלייכעמס אליע. נ. אויסלענדער — שאלעם אש. ש. גארדאן — ליריק (ביבליאגראפיע) פון רעדאקציע.

Главлит № 3089/3432 Москва Тираж 2000 экз.
Евполиграфшкола Мамоновский пер. 2.

## דרוק-פעלערן:

זייט 4 שורע 9 פון אויבן לייענען — **קריינקט** אנשטאט קריינט.
″ 31 ″ 10 ″ אונטן ″ — **פון שטאל פון דמשק די הארטקייט**
″ 39 — דאס קאפיטל **„דארשט"** הויבט זיך אן פון **„א נאכט — א יאר"** שורע 13 פון אונטן.
″ 46 שורע 14 פון אונטן לייענען — **נאכט** אנשטאט סאכט.
″ 48 ″ 12 ″ ″ ″ — **טעכטער** ″ טעכער
″ 53 אנשטאט שורע 14 פון אויבן לייענען — **מעלאדישע בארעדעוודיקייט, וואס שפילט מיט אירע רעפרען-שורעס און איד׳**
″ 66 שורע 6 פון אויבן לייענען — **אבעראציע** אנשטאט אפעראציע.

Москва, Тверская, 15 кв. 92 :אדרעס פון רעדאקציע
Москва, Малая Дмитровка. Успенский пер. 10 кв. 17 :אדרעס פון פארלאג